אין אידיש

ערב שב"ק פרשת
ויקרא
ו' ניסן שנת תשפ"ה

# ויאמר אליהו

שמועסן און חיזוק ווערטער, אין אמונה און בטחון

מאת הרב **אלי' מאיר סמיט** שליט"א
בית המדרש תוספות יו"ט ירושלים « 347-897-9968 \ -058-323

בס"ד

# אפי' ווען מען איז מתפלל דארף מען וויסן, איז נישט אייביג איז א טובה פארן מענטש געהאלפן צו ווערן!!!

### » פארוואס דארף דערארימאן ברענגען א קרבן עולה, מער פון דעם גביר?!

**עס** שטייט אין די וואכעדיגע פרשה (ה, א-ז) וְנֶפֶשׁ כִּי תֶחֱטָא וגו', וְהָיָה כִי יֶאְשַׁם לְאַחַת מֵאֵלֶּה וְהִתְוַדָּה אֲשֶׁר חָטָא עָלֶיהָ, וְהֵבִיא אֶת אֲשָׁמוֹ לַה' עַל חַטָּאתוֹ אֲשֶׁר חָטָא נְקֵבָה מִן הַצֹּאן כִּשְׂבָּה אוֹ שְׂעִירַת עִזִּים לְחַטָּאת וְכִפֶּר עָלָיו הַכֹּהֵן מֵחַטָּאתוֹ, וְאִם לֹא תַגִּיעַ יָדוֹ דֵּי שֶׂה וְהֵבִיא אֶת אֲשָׁמוֹ אֲשֶׁר חָטָא שְׁתֵּי תֹרִים אוֹ שְׁנֵי בְנֵי יוֹנָה לַה' אֶחָד לְחַטָּאת וְאֶחָד לְעֹלָה. דאס הייסט, אז א עושר וואס האט געזינדיגט בשוגג דארף ברענגען איין שעפסעלע פאר א חטאת, אבער אויב איז ער אן ארימאן און האט נישט קיין געלט פאר קיין שעפסעלע, מוז ער ברענגען צוויי טויבן, איינס פאר אן עולה און איינס פאר א חטאת.

**און** די קשיא פרעגט זיך פון זיך אליין, וואס איז פלוצלונג געשעהן אז דער ארימאן דארף צו ברענגען א קרבן עולה, מער פון וואס ער וואלט געדארפט ברענגען ווען ער וואלט געווען א גביר.

**איז** דער **אבן העזרא** בשם **רבי יצחק** מסביר אין קורצע ווערטער א מורא'דיגע דערהער, ווי פאלגענד: "די טעם פון די עולה איז, וויבאלד ער האט נישט געהאט צו קויפן א בהמה, האט ער אפשר געהאט עפעס א מחשבה".

**פשט** פון די ווערטער איז, ווי די מפרשים פארברייטערן עס, אז עס איז זייער מעגליך, אז ווען דער ארימאן האט זיך דערזעהן אז ער דארף ברענגען א קרבן, און ער האט נישט קיין געלט צו קויפן א געהעריגע בהמה, איז איהם אריבערגעלאפן א מחשבה פון תרעומת אקעגן די הנהגה פונעם אייבערשטן פארוואס ער האט איהם געמאכט פאר אן ארימאן און ער קען נישט ברענגען קיין געהעריגע קרבן אזוי ווי א יעדער איינער. דעריבער האט איהם די תורה מחייב געווען צו ברענגען אויף א קרבן עולה, וואס דאס איז מכפר אויף הרהורי הלב, ווי עס שטייט אין חז"ל (ירושלמי יומא פ"ח ה"ז).

**אבער** זיי לייגן צו צו דעם נאך גאר א איטרעסאנטע דערהער. ווייל מיר ווייסן דאך די כלל, אז א שלעכטע מחשבה רעכענט נישט דער אייבערשטער כאילו מען וואלט עס בפועל געטוהן (קידושין לט:), און מען דארף נישט ברענגען קיין כפרה אויף דעם, און מיט דעם אלעמען זעען מיר, אז דער ארימאן דארף יא ברענגען א קרבן אויף דעם וואס ער האט געטראכט אויפן רבונו של עולם אז ער האט איהם ח"ו בא'עוול'ט.

**נאר** פשט איז, ווייל די גמ' זאגט דארט, אז אויף די עבירה פון עבודה זרה, רעכענט יא דער אייבעשטער אויף דעם וואס מען האט געטראכט, כאילו מען האט עס געטוהן בפועל, ממילא קומט אויס, אז אט דער מחשבת כפירה וואס דער איד האט געטראכט, כאילו די אייבערשטער האט זיך געפירט מיט איהם נישט ריכטיג און אן קיין יושר, דאס איז א מחשבה פון עבודה זרה, וואס אויף דעם דארף מען יא ברענגען א כפרה, דעריבער האט די תורה איהם מחייב געווען צו ברענגען א קרבן עולה.

**און** דער אמת איז, אז א יעדע אזא סארט 'טענה' און תרעומת ח"ו אויפן אייבערשטן, קומט פשוט פון א קורץ-שטרעקיגע בליק אויף דער וועלט, ווייל מיר ווייסן דאך אז אלעס וואס דער אייבערשטער טוהט איז נאר צום גוטן, און אדרבה, דאס וואס עס זעהט אונז אויס שלעכט, דוקא דאס איז די סיבה פון די גוטס פארן מענטש, נאר דער מענטשליכע שכל האט נישט די מעליכקייט דאס צו באגרייפן, צוליב וואס ער קען נישט זעהן די גאנצע בילד, און אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים (תהילים צב, ז) אִישׁ בַּעַר לֹא יֵדָע וּכְסִיל לֹא יָבִין אֶת זֹאת, און אויב 'זעהט עס אויס' אין די מענטשליכע אויגן ווי א קרומע זאך, איז אין אמת'ן נישט דא קיין גלייכערע זאך פון דעם, ווייל נאר דער אייבערשטער ווייסט וואס איז אמת'דיג גוט פארן מענטש. און אויף דעם ארויף זאגט די **ראש"ש** (ארחות חיים אות ס"ט), "וויל דאס וואס דער אייבערשטער וויל, זיי מבטל דיין רצון פארן רצון פונעם אייבערשטן, ווייל אזוי וויל ער", און אוודאי איז דאס די גרעסטע טובה.

### » ווען קען א תפילה שטערן...?!?!

**און** יעצט איז טאקע די צייט מוסיף צו זיין און זיך מחזק זיין אין אמונה אינעם אייבערשטן, אזוי ווי **הרה"ק רבי מנחם נחום מבאיאן טשערנאוויץ זי"ע** (תפארת מנחם ד"ה ניסן תרצ"ה) האט געזאגט, אז אזוי ווי חז"ל זאגן (**תענית** כט.) 'משנכנס אדר מרבין בשמחה', אזוי אויך 'משנכנס ניסן איז מען מרבה מיט אמונה', (און די טעם פון דעם איז) ווייל אין חודש ניסן זענען מיר אויסגעלייזט געווארן אין זכות פון די אמונה, און אין חודש ניסן זענען מיר ערווארטעט צו ווערן אויסגעלייזט בזכות די אמונה (**ילקו"ש** ח"ב רמז תקי"ט) אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת (מיכה ז, טו).

**מיר** טרעפן א מורא'דיגע פשט אין ספר **עיון יעקב**, אויף דעם וואס די גמ' דערציילט (מו"ק כה:) ווי פאלגענד: "רבי חנין איז געווען די איידעם פון די נשיא. ער האט נישט געהאט קיין קינדער, האט ער מתפלל געווען און ער איז געהאלפן געווארן, אבער אין יענעם טאג איז ער נפטר געווארן. האט מען איהם מספיד געווען 'עס איז איבערגעדרייט געווארן די שמחה צו א קלאג, און ששון צו יגון וכו'", עכ"ל.

**שרייבט** אויף דעם דער עיון יעקב ווי פאלגענד: "ווייל עס איז נגזר געווארן אויף רבי חנין נפטר צו ווערן, נאר זיין דין איז נמתק געווארן דורך דעם וואס ער האט נישט געהאט קיין קינדער, ווי די גמ' זאגט (נדרים סד:) אז ווער עס האט נישט קיין קינדער ווערט גערעכענט ווי ער לעבט נישט. אבער וויבאלד ער האט מרבה געווען זיך איינצובעטן צו האבן קינדער, האט דער אייבערשטער אנגענומען זיין תפלה, אבער אנשטאט דעם האט ער געמוזט שטארבן", עכ"ל.

**לערנען** מיר פון דעם א מורא'דיגע זאך, אז אט די צרה פון נישט האבן קינדער איז אין אמת'ן געווען א געוואלדיגע טובה אז ער זאל קענען בלייבן לעבן, און דוקא דאס וואס ער האט זיך איינגערעדט אז עס איז א מורא'דיגע שמחה, דוקא דאס האט זיך אויסגעשטעלט צו זיין א ווייטאג ווייל דורך דעם איז ער געשטארבן.

**ממש** אויפן זעלבן אופן שרייבט דער הייליגער חפץ חיים זצ"ל אויפן פסוק (תהילים ל, ב) אֲרוֹמִמְךָ ה' כִּי דִלִּיתָנִי וְלֹא שִׂמַּחְתָּ אֹיְבַי לִי, ווי פאלגענד: "עס איז פארהאן אפאר מאל, אז עס איז נגזר געווארן אויף א מענטש אז ער זאל שטארבן, צוליב עפעס אן עבירה וואס ער האט געטוהן, און דער אייבערשטער האט רחמנות אויף איהם, און טוישט איהם אויף די עונש מיט עניות, ווי חז"ל זאגן (**נדרים** סד:) אז אן ארימאן ווערט גערעכענט ווי איינער וואס לעבט נישט."

"**און** דאס איז וואס דוד המלך האט געדאנקט דעם אייבערשטן, ארוממיך ה' כי דליתני, דליתני איז א לשון פון דלות - ארימקייט, און דוד המלך האט געדאנקט דעם אייבערשטן איז ער האט איהם געמאכט ארים, ולא שמחת אויבי לי, אז דורך דעם האט ער נישט געמאכט דעם מלאך המות - וואס איז די פיינט פון די מענטש - פרייליך, דורך איהם געבן די געלעגנהייט איהם צו הארגענען", עכ"ל.

## » וואס איז די פארבינדונג צווישן זאלץ און יסורים...?!?!

**עס** שטייט אין די וואכעדיגע פרשה וְכָל קָרְבַּן מִנְחָתְךָ בַּמֶּלַח תִּמְלָח וְלֹא תַשְׁבִּית מֶלַח בְּרִית אֱלֹהֶיךָ מֵעַל מִנְחָתֶךָ עַל כָּל קָרְבָּנְךָ תַּקְרִיב מֶלַח (ויקרא ב, יג). די גמ' (ברכות ה.) איז מאריך אין די גרויסקייט פון די טובה פון יסורים פאר דעם מענטש, און די גרויסקייט פון דאס אננעמען מיט שמחה און ליבשאפט. ווי די גמ' זאגט ווי פאלגענד:

"...**האט** רבי חייא בר אבא געזאגט, ביידע הייסן 'יסורים של אהבה' (-סיי יסורים וואס שטערן פון לערנען און סיי וואס נישט) אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כִּי אֶת אֲשֶׁר יֶאֱהַב ה' יוֹכִיחַ (משלי ג, יב). נאר וואס טוהט מען מיט די פסוק פון וּמִתּוֹרָתְךָ תְלַמְּדֶנּוּ (תהלים צד, יב), ליין עס נישט תְּלַמְּדֶנּוּ (-זאלסט לערנען די תורה) נאר תְּלַמְּדֶנּוּ - זאלסט עס ארויסלערנען פון די תורה, אז זאלסט מאכן א קל וחומר פון שן ועין, מאדעך וואס דער הער האקט אויס א ציין אדער אן אויג פונעם עבד - וואס איז נאר איין גליד פון דעם מענטש - גייט דער קנעכט ארויס אויף דער פריי, אוודאי און אוודאי יסורין וואס זענען ממרק דעם גאנצן גוף פון דעם מענטש, אז עס מאכט דעם מענטש ארויסגיין פריי און ווערט פטור פון זיינע עבירות."

**און** די גמ' איז ממשיך און זאגט: "און דאס איז וואס רבי שמעון בן לקיש זאגט, עס שטייט דיווארט 'ברית' ביי מלח און עס שטייט 'ברית' ביי יסורין, ביי מלח שטייט וְלֹא תַשְׁבִּית מֶלַח בְּרִית (ויקרא ב, יג), און ביי יסורים שטייט (-נאך די פרשה פון די תוכחה) אֵלֶּה דִבְרֵי הַבְּרִית (דברים כח, סט), פונקט אזוי ווי די ברית וואס שטייט ביי מלח, איז דער זאלץ מאכט זיס די פלייש (-דאס הייסט, עס מאכט עס מען זאל עס קענען עסן), אזוי אויך ברית וואס שטייט ביי יסורים זענען ממרק אלע עבירות פון די מענטש", עכ"ל הגמ'.

**און** מען דארף אריינטראכטן, וואס איז די אונטערשייד צווישן די צוויי לימודים פון ריש לקיש און רבי יוחנן.

**איז** הרה"ק **ר' שמשון פון אוסטרופולער הי"ד זי"ע** מסביר ווי פאלגענד: "...עס קומט אויס א חילוק צווישן די צוויי אמוראים, ווייל ווי מיר ווייסן, זאלץ איז א זאך וואס אין זיך נאטורליך די כח אויסצוארבעטן די פלייש, אז עס זאל זיין גרייט צום עסן, עס איז נישט קיין שום חילוק ווער עס זאלצט די פלייש, צו די בעל הבית פון די פלייש צו אן אנדערע מענטש."

"**דאגעגן**, ביי די הלכה פון 'שן ועין', איז נאר אויב דער בעל הבית האקט אויס די אויג פון די קנעכט גייט ער ארויס פריי, נישט א פרעמדן מענטש, אפי' אויב די בעל הבית האט איהם געמאכט א שליח."

"**קומט** אויס, אז לויט רבי יוחנן וואס לערנט עס ארויס פון שן ועין, איז נאר אויב די יסורים קומען דירעקט פונעם אייבערשטן, דעמאלטס ווערט ער פטור פון די יסורים, דאגעגן אויב קומט עס דורך א שליח נישט. אבער לויט ריש לקיש, פונקט אזוי ווי ביי די זאלץ אזוי אויך ביי די יסורים, איז נישט קיין חילוק דורך וועם קומט אן די יסורים, סיי וויאזוי ווערט דער מענטש פטור פון זיינע עבירות."

"**און** מיט דעם קען מען מסביר זיין פשט פונעם פסוק ווי דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו וְגַם אֲנִי שָׁמַעְתִּי אֶת נַאֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר מִצְרַיִם מַעֲבִדִים אֹתָם וָאֶזְכֹּר אֶת בְּרִיתִי (שמות ו, ה). אז די אידישע קינדער האבן געשריגן צום אייבערשטן אויף דעם וואס די מצריים מאכן זיי אן צרות. אבער לויט רבי יוחנן, וויבאלד די צרות און יסורים זענען געקומען דורך שליחים פונעם אייבערשטן, איז לכאו' ווי אזוי קען מען זיי אויסלייזן. דעריבער האט דער אייבערשטער צוגלייגט פאר משה רבינו און געזאגט 'ואזכור את **בריתי**', איך וועל געדענקן די דרש פון ריש לקיש פון 'ברית', וואס לויט איהם איז נישט קיין חילוק דורך וועם די יסורים קומען, און אזוי ארום קען מען אויסלייזן די אידן", עכ"ד.

## » וואס איז א נפקא מינה פון ווי מען לערנט ארויס 'יסורים'?!

**כדי** דאס צו פארשטיין און עס אביסל בעסער מסביר זיין, ווען מיר אראפברענגען וואס מיר האבן געהערט אמאל פון **הגאון רבי יעקב גלינסקי זצ"ל**, ווי ער האט מסביר געווען די אויבנדערמאנטע מחלוקת צווישן ר' יוחנן און ריש לקיש, ווי פאלגענד:

**איינער** וואס איז א בעל יסורים רח"ל, אבער ער גלייבט נישט אז יסורים קומען וועגן זיינע זינד, נאר ער הענגט עס אן אין א 'צופאל' א 'דרך הטבע', אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מִכַּף רֶגֶל וְעַד רֹאשׁ אֵין בּוֹ מְתֹם פֶּצַע וְחַבּוּרָה וּמַכָּה טְרִיָּה (ישעיהו א, ו), מען הענגט עס אן אין סיבות אזוי ווי 'מען האט נישט גוט פארבינדן די מכה' אדער 'די דאקטוירים האבן נישט גענוג פראבירט צו דערגיין דעם פראבלעם' אד"ג, פאר אזא מענטש איז א גרויסע ספר צו די יסורים העלפן איהם אפצוקומען פון זיינע זינד, און אין דעם קריגן זיך ר' יוחנן און ריש לקיש.

**לויט** ר' יוחנן וואס לערנט עס פון שן ועין, וואס דער דין איז אז נאר ווען דער הער האקט אויס די אויג אדער די צאן גייט דער קנעכט ארויס אויף די פריי, קומט אויס אז אויך ביי יסורים, נאר אויב דער מענטש געדענקט אז דער 'הער' דער 'קעניג פון די וועלט' 'האקט' איהם אויס, און ברענגט איהם די יסורים, נאר דעמאלטס וועט ער ארויסגייט פריי פון זיינע זינד. אבער אויב נישט ח"ו, נאר ער טראכט אז עס איז איהם געקומען דורך די 'שליחים' פונעם אייבערשטן, די 'טבע', פאר איהם וועט די יסורים גארנישט אויף טוהן.

**אויף** דעם קומט ריש לקיש און לערענט עס ארויס פון 'מלח', וואס די דין איז אז זאלץ ארבעט אויס די פלייש, דורך סיי ווער עס וועט עס זאלצן, איז די זעלבע וועט אויך זיין ביי יסורים, אז אפי' דער מענטש גלייבט נישט אז דער אייבערשטער האט איהם געשיקט די יסורים, מיט דעם אלעמען, די מציאות פון די יסורים 'ארבעטן' אויס דעם מענטש, אז ער קומט אפ פאר זיינע עבירות.

"...די צרה פון נישט האבן קינדער איז אין אמת'ן געווען א געוואלדיגע טובה אז ער זאל קענען בלייבן לעבן, און דוקא דאס וואס ער האט זיך איינגערעדט אז עס איז א מורא'דיגע שמחה, דוקא דאס האט זיך אויסגעשטעלט צו זיין א ווייטאג ווייל דורך דעם איז ער געשטארבן..."

## » מה הנפק"מ אם לומדים יסורים מק"ו או גזירה שוה...?!?!

**דער** גאון **ר' שמשון פינקוס זצ"ל** (אין זיין ספר תפארת שמשון) איז מדייק פון דעם וואס חז"ל רופן אן יסורים מיטן נאמען 'ברית', אז דאס קומט אונז לערנען אז יסורים איז א זאך וואס בינדט צו דעם מענטש צום טאטן אין הימל. און עס איז אין דעם אסאך מובנים, ווי ער שרייבט ווי פאלגענד:

"**איינע** פון די זאכן וואס מען קען ארויסלערנען פון דעם איז, אז א מענטש וואס לעבט אין א וועלט פון חסד, ווייסט נישט אז דער אייבערשטער איז מטפל מיט איהם, דער אייבערשטער נעמט איהם אריין אין א סיסטעם פון חסד, און נאר ווען דער אייבערשטער נעמט איהם עפעס צו (-א זאך וואס איז א נס פאר זיך אליין, ווייל עס וואלט נישט געדארפט צו זיין מעגליך א 'חסרון' אין דער וועלט) נעמט פלוצלונג באמערקט ער ווי דער אייבערשטער געבט זיך אפ מיט איהם פערזענליך. קומט אויס אז די יסורים איז א זאך וואס דריקט אויס דעם בונד צווישן דעם מענטש און דעם אייבערשטן, ווייל אין יענע רגע דערמאנט ער זיך וואס ער האט יא, און ער שעצט אלעס וואס דער אייבערשטער גיבט איהם."

"**א** מענטש וואס עס טוהט איהם וויי די קאפ דארף צו וויסן, אז די קאפ ווייטאג קומט פון דעם וואס דער אייבערשטער האט איהם ליעב, און ער גיבט זיך אפ מיט איהם פערזענליך. דעמאלטס כאפט ער זיך צו דאנקן דעם אייבערשטן אויף דעם וואס ער האט בכלל א קאפ, אויגן, מויל, אויערן, פרנסה און משפחה אא"וו. דאס איז א מורא'דיגע צייט פון זיך נעמען דאנקן דעם אייבערשן פאר אלע זיינע חסדים."

"**און** לויט דעם קען מען פארשטיין די לשון אין פסוק אין תהלים לַמְנַצֵּחַ עַל מוּת לַבֵּן, מִזְמוֹר לְדָוִד (תהלים ט, א), און עס זענען דא מפרשים וואס טייטשן דאס אז דוד המלך האט געדאנקט דעם אייבערשטן אויף דאס שטארבן פון איינע פון זיינע קינדער. דוד המלך האט געהאט קינדער, פלוצלונג איז איינע פון די קינדער געשטארבן רח"ל, 'על מות לבן', וואס זעהט ער, אז בעצם עס איז מוז בכלל נישט זיין אז א קינד זאל לעבן, ער אליין קען אויך שטארבן. פלוצלונג אנטפלעקט ער די פאקט אז ער 'לעבט' און אז ער האט 'קינדער', ער אנפלעקט די געוואלדיגע טובה וואס דער אייבערשטער טוהט מיט איהם אז ער לעבט און אז ער האט קינדער, דעריבער האט ער אנגעהויבן צו זאגן שירה", עכ"ד.